# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## חג הפסח

## מאכלי פסח

### עסן מצה אלע זיבן טעג

**צו** עסן מצה אלע זיבן טעג איז א מצוה מן התורה.

**מעשה רב מהגר"א**

**די** ברכה פון על אכילת מצה מאכט מען נאר די ערשטע צוויי נעכט, ווייל פון דא און ווייטער איז עסן מצה נאר א רשות, און די סיבה פארוואס מען עסט מצה, איז וויבאלד מען טאר דאך נישט עסן קיין חמץ, און דאס איז גלייך צו איינער וואס עסט פלייש פון א טהור'ע בהמה און נישט פון א טמא'נע, און ער מאכט נישט קיין ברכת המצוות, וויבאלד די אכילה פאר זיך איז נישט קיין מצוה, עס איז נאר צו זעטיגן זיין גוף, און דערפאר איז נישט פאסיג צו מאכן דערויף א ברכה אשר קדשנו במצוותיו וכו'.

**חק יעקב סי' תע"ה סקכ"ד, שו"ע הרב שם סל"ג**

**עס** איז דא געוויסע מצוות וואס מ'איז נישט מקבל קיין שכר אויפן מקיים זיין, און אויך נישט קיין שטראָף אויב מען איז עס נישט מקיים, ווי למשל מצה נאך די ערשטע צוויי טעג, וואס מען מאכט נישט דערויף קיין על אכילת מצה, אבער וויבאלד עס שטייט אין פסוק [שמות י"ב ט"ו] שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ זיבן טעג צוזאמען זאלט איר עסן מצות, איז אויב עסט מען מצות אין די זיבן טעג, איז מען מקיים די פסוק פון שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ וגו'. **חזקוני פ' בא**

**עס** איז א מצוה צו עסן מצות יעדן טאג פון די זיבן טעג פון פסח, און צו אינזין האבן צו מתקן אן אנדערע מדה פון די זיבן מדות, און באמת איז יעדן טאג פארהאנען א מצוה, נאר די ערשטע טאג איז עס א "חובה", דערפאר הייסן די אנדערע טעג נאר א רשות, צו ווייזן אז עס איז נישט קיין חיוב, אבער א מצוה איז פארט דא יעדע נאכט.

**מנחם ציון סעודת יום א' דחוה"מ**

**אונז** האבן אזוי בקבלה אז כאטשיג עס אזי נישט דא קיין חובה צו עסן מצה נאר די ערשטע נאכט, איז אבער דאך א מצוה צו עסן אלע זיבן טעג פון פסח, און דאס איז נישט קיין מצות עשה, נאר די רצון ה' אז די אידן זאלן עסן מצה גאנץ פסח.

**שד"ח חמץ ומצה כלל י"ד אות י'**

### מנהג צו מחמיר זיין נישט צו עסן מצה

עס זענען דא וואס זענען מחמיר בכלל נישט צו עסן קיין מצה אלע טעג פון פסח, אויזער די כזיתים אין די ערשטע צוויי נעכט, און אנשטאט דעם עסט מען פארשידענע מיני געקעכטס, אבער אסאך מענטשן האלטן זיך צוריק פון די מנהג, וויבאלד עס שטערט די שמחת יו"ט, ווייל די עיקר סעודה איז פון מצה וואס דאס טוט זעטיגן דעם מענטש, אוןביידע סארט מענטשן ווערן אנגערופן צדיקים ווען זייער כוונה איז ריין לשם שמים. **שערי תשובה סו"ס ת"ס**

**און** אזוי איז געווען די מנהג פון הגה"ק דער ארי' דבי עילאי זי"ע און זיין שווער הגה"ק דער ישמח משה זי"ע, וואס זיי פלעגן נישט עסן קיין מצה איבער גאנץ פסח אויסער די כזיתים וואס מ'איז מחוייב צו עסן אין די ערשטע צוויי נעכט.

**אין** ספר שולחן מלכים [בהשמטות להלכות תפילין] ווערט געברענגט אז אזוי האט זיך געפירט הרה"ק רבי מאיר מפרימישלאן זי"ע און נאך אנדערע קדושי עליון זכותם יגן עלינו.

**מען** דארף זיין זייער געווארענט אפילו פון א משהו חמץ [ברעקעל], אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק [פ' תצא בר"מ דרפ"ב:] אז ווער עס האט א משהו חמץ אין די מצה איז כאילו ער לייקענט אין די זיגל פונעם קעניג, און דער אריז"ל איז מזהיר גאר שטארק אויף א משהו חמץ, און ער שרייבט אז א מענטש זאל מחמיר זיין מיט אלע חומרות וואס ווערן געברענגט אין די פוסקים, און ווער עס

איז נזהר אין א משהו חמץ אום פסח, דער איז פארזיכערט אז ער וועט נישט זינדיגן א גאנץ יאר. **און** דערפאר אין אלע זיבן טעג פון פסח זאל מען זיך צוריק האלטן פון אכילת מצה, אפילו אויב עס איז געהיטן פון די שעת קצירה, ווייל מען קען נישט וויסן אויב עס איז טאקע ריין פון א משהו חמץ, און מען זאל שטילן די הונגער מיט אנדערע מאכלים און צושפייז.

**יסוד ושורש העבודה שער התשיעי פ"ז**

**בשעת** איך האב געחלומ'ט איז מיר שווער געווארן א קושיא, אז מען זעהט אסאך צדיקים וואס האבן מקפיד געווען נישט צו עסן קיין מצה איבער גאנץ פסח, אלס חשש משהו חמץ, אבער אונז האבן דאך א כלל [עי' טו"ז יו"ד סי' קי"ז] אז א זאך וואס שטייט מפורש אין די תורה להיתר, טארן נישט די חכמים קומען מחמיר זיין, און ביי מצה שטייט דאך מפורש אין די תורה [שמות י"ג ו'] שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת, אז מען מעג עסן מצה אלע זיבן טעג, איז ווי אזוי מעג מען אויף זיך מחמיר זיין און זיך מונע זיין פון עסן מצה אין פסח.

**אבער** מען קען זאגן, אז די צדיקים האבן חושש געווען אז אפשר איז דא דערין חמץ ח"ו, וואס דאן האט עס נישט קיין נאמען 'מצה', און די תורה האט דאס קיינמאל נישט מתיר געווען.

**נאך** קען מען זאגן, אז די חכמים קענען נישט קומען מאכן א גזירה צו אסר'ן יענע זאך, אבער יעדער פאר זיך מעג מחמיר זיין, און עס איז נישטא דערביי קיין שום איסור.

**הין צדק חודש ניסן עמ' ו'**

**אין** ספר דרכי הישר והטוב פון הרה"ק בעל **אך פרי תבואה** זי"ע, א תלמוד חביב פון הרה"ק **הישמח משה** זי"ע, איז געדריקט די ווייטערדיגע בריוו:

**שוכט"ס** לכבוד ידיד ה' וידי"נ ה"ה הרב המאה"ג המפורסם כקש"ת מו"ה עמרם ישי נ"י ויהל אבד"ק סערענטש יע"א.

**דאס** וואס מעכת"ה האט אנגעפרעגט וועגן די מנהג פון עסן מצה, איז הרב הגאון השימח משה מאוהעל זצ"ל האט זיכער נישט געגעסן קיין מצה נאר די ערשטע צוויי נעכט און דעמאלס אויך נאר אזויפיהל כזיתים וויפיהל עס פארלאנגט זיך לויט די הלכה. און הרב הגאון מאונגוואר זצ"ל האט אויך געגעסן שבת און יו"ט, וויבאלד עס האט געוואלט מקיים זיין די סעודות שבת און יו"ט מיט פת, און דעמאלס האט ער מסתמא אויך נאר געגעסן דעם קלענסטן שיעור וויפוהל עס פאדערט זיך לויט די הלכה. איז דערפאר קען זיך יעדע אויסוועלען וויאזוי ער וויל זיך פירן, צו אזוי ווי הרב הצדיק מאוהעל אדער ווי הרב הצדיק מאונגוואר, אבער אום חול המועד איז זיכער ראוי די מנהג נישט צו עסן קיין מצה, [א"ד ידידו ואוהבו לנצח].

**הק' צבי הירש בהר"א ז"ל אבד"ק ליסקא יע"א.**

**אבער** הגה"ק מצאנז זי"ע איז נישט געווען צופרידן מיט די מנהג וויבאלד מען איז דורך דעם מבטל די מצוה פון שמחת יו"ט, און ער האט געשריבן א בריוו צו זיין אייניקל הרה"צ **רבי ירוחם ט"ב זצ"ל מטראני**, אז ער זאל מפסיק זיין פון זיך פירן אזוי, און אזוי שרייבט ער: און די נידון פון זיין מנהג נישט צו עסן קיין שום מצות און קיין שום געקעכטס איבער גאנץ פסח, איז נישט ריכטיג זיך צו פירן אזוי היינטיגע צייטן וואס עס איז א שוואכע דור, און דורך דעם איז מען אויך מבטל די שמחת יו"ט, איז דערפאר זאל ער תיכף מתיר זיין די נדר און זיך נישט ווייטער פירן אזוי.

**און** ער ברענגט צו פון שערי תשובה [סי' תקי"א סק"ה] אז זיין זיידע דער חכם צבי זצ"ל האט געהאט א חומרא נישט צו רייכערען קיין טאבאק אום יו"ט, און די חכמי זמנו האבן איהם באפוילן צו מתיר זיין די מנהג, כדי נישט צו מבטל זיין פון עונג יום טוב, און כל שכן די מנהג פון נישט עסן אום פסח איז סאך א גרעסערע צער, און ער זאל דאס מתיר נדר זיין, און הקב"ה זאל איהם אפהיטן פון א משהו חמץ, [עכדה"ק].

**מיין** זיידע הרה"ק רבי **משה יוסף ט"ב** זי"ע אבד"ק אוהעל אן אייניקל פונעם ישמח משה זי"ע און אן אייניקל פון הרה"ק מצאנז זי"ע, איז געווען זיין מנהג אזוי ווי דער ישמח משה זי"ע און ער האט נאר געגעסן די ערשטע צוויי נעכט ביים סדר די כזיתים מצה און נישט מער.

**איינמאל** איז ער געוועזן אין צאנז און ער איז געקומען צום טיש פון הרה"ק מצאנז, און די מנהג אין צאנז איז געווען אז ער האט געגעסן מצה א גאנץ פסח צוזאמען מיט די גאנצע עולם, און

## מאכלי פסח

הרה"ק מצאנז האט ארומגעקוקט אויף יעדעם איינעם און געזאגט אז 'דער איהעלער רב זאל בענטשן', און ווען רבי משה יוסף זי"ע האט דאס געהערט, איז ער זיך שנעל געגאנגן וואשן נטילת ידים און געגעסן מצה און ער האט געבענטשט, אבער אום ערב די צווייטע טעג, האט איהם הרה"ק מצאנז נאכאמאל מכבד געווען מיטן בענטשן, אבער דאן האט ער שוין נישט געהאט קיין צייט זיך צו גיין וואשן, און אזוי איז הרה"ק מצאנז געוואויר געווארן פון זיין מנהג נישט צו עסן קיין מצה אום פסח.

**האט** הרה"ק מצאנז געזאגט: הער, די אלע זיבן טעג פון פסח איז די עסן מצה א 'רשות', זאג מיר איז ביי דיר א רשות פון די תורה בלויז א קלייניגקייט, מער זאלסטו זיך נישט פירן אזוי, און אזוי האט ער טאקע געטוהן. **עקבי חיים**

**אין** ספר נימוקי או"ח שרייבט ער זייער שארף קעגן די וואס פירן זיך אזוי, און ער שרייבט דארט, אז מען קען נישט ברענגן קיין ראיה פון געוויסע צדיקים זי"ע וואס האבן זיך אזוי געפירט, ווייל אויף דעם האט שוין געווארענט הרה"ק מהרצ"ה מזידיטשוב זי"ע אין זיין ספר סור מרע ועשה טוב, אז אויב זעהט מען א צדיק טוהן א זאך קעגן וואס שטייט אין שולחן ערוך און די תורה, זאלסטו נישט מהרהר זיין נאך איהם, אבער דו זאלסט זיך אויך נישט פירן אזוי ווי איהם, ביז דו פארשטייסט א קלארן טעם פארוואס עס איז אויסגעהאלטן מיט די תורה. קומט אויס אז ווען מען זעהט צדיקים פירן זיך א מנהג, טאר מען נישט מהרהר זיין נאך זיי, אבער מען טאר זיך אויך נישט פירן אזוי. **נימוקי או"ח סי' תע"ה**

**בארשט**

**מען** פירט זיך צו טרינקן 'בארשט' אום פסח.

**הרה"ק** רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט געזאגט: איך האב קיינמאל נישט געוואוסט די טעם המנהג פון עסן "בארשט" אום פסח, און איך האב שוין חוקר ודורש געווען ביי אסאך גדולי התורה און זיי האבן נישט געוואוסט די טעם, ביז איך האב מיך באגעגענט מיט די גדולי ליטא, און זיי האבן מיר געזאגט די טעם, וויבאלד עס שטייט אין פסוק [שמות י"ב כ'] כָּל מַחְמֶצֶת לֹא תֹאכֵלוּ, קיין חמץ מאכער ד. מ. דאס וואס מאכט חמץ אנדערע, אזוי ווי זויער טייג זאלט איר נישט עסן, און די צדוקים זענען מפרש די פסוק מַחְמֶצֶת טייטש זויער, איז יעדע זויערע זאך טאר מען נישט עסן אום פסח, דערפאר איז מען מדקדק דוקא צו עסן 'זויערע בארשט' אום פסח, כדי צו עוקר זיין די ווערטער פון די צדוקים. **אדמו"י בעלזא ח"ג ע' רל"ג**

**טייל** פירן זיך אז זיי הייבן אן צו עסן 'בארשט' ביי די סעודה פונעם צווייטע נאכט פון פסח און מען עסט דאס ביי אלע סעודות פון יו"ט. **סקווירא**

**ווען** מען עסט אדער טרינקט בארשט נישט אינמיטן די סעודה, מאכט מען דערויף די ברכה בורא פרי האדמה.

**מען** האט אמאל פארציילט פאר הגה"ק **מהר"ש מקאמינקא זי"ע** אז אן עם הארץ האט אמאל געזאגט אינמיטן די סדר: ווער דארף די הגדה מיט די מצות, גיב נאר אהער די "בארשט" דאס איז די עיקר.

**האט** הרה"ק מקאמינקא געזאגט: אז יעצט איז מיר פארענטפערט געווארן די ווערטער פון דער בעל הגדה וואס ער זאגט אויפ'ן רשע הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו -זאלסט אים דעם רשע שטומפיג מאכן זיינע ציין, ווייל פארוואס דארף א רשע ציין, צו עסן בארשט דארף מען נישט קיין ציין. **אוהב שלום, בהוספות**

**שביעי של פסח**

**מען** מאכט קידוש און מען עסט די סעודת יום טוב, און מען פרייט זיך בשמחת יום טוב.

**מען** דארף זיך נאך מער פרייען אין דעם טאג, ווייל ביז דאן האבן נאך די אידן געהאט אויף זיך א דין שעבוד, אבער אין דעם טאג זענען זיי אינגאנצען באפרייט געווארן פון די שעבוד מצרים, און דערפאר ציט זיך די איסור אכילת חמץ ביז נאך שביעי של פסח.

**אויך** לויט איין מאן דאמר [סוטה י"ב:] איז אין דעם טאג משה רבינו אריינגעלייגט געווארן אינעם וואסער, און ער איז געווארן געראטעוועט פון די גזירה פון פרעה הרשע, און דאס איז געווען א סימן אז די אידן וועלן אין דעם טאג געראטעוועט ווערן פון איינגעזינקן ווערן אינעם ים סוף, דערפאר דארף מען לויבן דעם באשעפער און דערמאנען די גרויסע ניסים פון קריעת ים סוף, אז מיר זענען אריבער אין די טריקעניש, און מיר האבן באקומען די ריזיגע אוצרות פון די מצריים.

**סידור ר"י עמדין שער המפקד**

**הרה"ק** ממונקאטש זי"ע האט ביי די סעודה פון שביעי של פסח בייטאג, באפוילן צו ברענגען אויפן טיש אסאך מצות שמורה, און ער האט געזאגט אז דאס איז א סיום צו די בחינה פון תורה שבכתב.

**דרכי חיים ושלום אות תרכ"א**

### ווין פאר די מורה הוראה

**ביי** די סעודה פון בייטאג פארטיילט מען ווין צו רבנים און מורי הוראה, כדי זיי זאלן נישט קענען פסקנ'ן קיין שאלות, ווייל א שיכור טאר נישט פסקנ'ן, וועט מען מוזן אפשטופן די שאלות ביז ביינאכט, וואס דעמאלס איז מען שוין פול מער מקיל אויף געוויסע שאלות, און מען איז עס מתיר צו האלטן ביז נאך פסח.

**הגדה בית צדיקים באבוב**